STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01262

SEFER OR HA-NER

Shemuel Tsevi Rubin

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Charles & Elain Berger
in memory of
William Berger and Murray Sobol

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

אור הנר

חברו הרב השלם ש"צ רובין שו"ב

מעיר פיצבורג

ממדינת פענסילוויניא

בו מבואר ענין הכשרות על דרך השכל ועל דרך הרפואה

שנת תרע"ד

1914

הסכמת

הרב הגאון הגדול כש"ת ר' אליהו זאב קאצין אב"ד מדעמבראוויטץ רב בפה פיטסבורג.

נדרשתי מאת ידידי הרב המופלג מוה"ר שמואל צבי רובין שו"ב דעירנו לשום עין על ספרו אור הנר והגם שאין דרך כבוד ליתן הסכמה על ספר זארגאן אך שראיתי כי אור הנר יפה לבדיקה ולשחיטה שמבאר כמה דינים לתועלת המון ושאב כל הדינים ממעין גנים נוזלים מש"ס ופוסקים ועוד נוסף נופך משלו בסברות מהודרים וברורים ואת הספר הנ"ל יפה בעתו להפריד בני אדם מלטבוח בטיט היון אשר רבים נכשלים בה. אמרתי לפעלא טבא יישר ומהנכין כי כל נדיבי עמינו יתמכו להמחבר להוציא מחברתו לאורה והנמנים בדבר מצוה יתברכו בטובה כל ימיהם ומשכורתם יהי' שלמה מאת ה'. וע"ז באתי עה"ח א מנחם אב שנת תרע"א. פה פיטסבורג.

נאום אליהו זאב קאצין החופ"ק הנ"ל.

מיט דער הילפע פון אלמעכטיגען האָב איך פערפערטיגט דעם ווערק און ארויסגעגעבען מיינע געפיהלען וועלכע האָבען אין מיר אימער געברענט ווי אַ פייער, צו ערקלעהרען מיין פאָלק דעם ענין פון כשרות בפרט און בכלל, און זיין ווירקונג אויפ'ן גוף און אויפ'ן נפש. איך האָב אויסגעמיידט דעם ערקלעהרונג פון אידישע שחיטה (כאָטש דאס איז דאָך אויך פון זעלביגען ענין) ווייל דאס האָט שוין ערקלעהרט דער בעריהמטער דאקטאר דעמבאָ אין זיין בעריהמטען ווערק וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען ווען מען האָט געוואָלט פערווערען אידישע שחיטה אין גאַנץ אייראפא און אויך איז דער ענין גוט ערקלעהרט אין דעם ספר "טוב טעם" וואָס אַ נויאָרקער שוחט האָט אַרויסגעגעבען נאכדעם ווי ער איז געשטאַנען אין קאָורט אז די יומיין סאָסייעטי האָט געוואָלט סטאַפּען די אידישע שחיטה; אָבער דעם ענין פון בדיקות איז נאָך אומבעקאַנט פאַר דער וועלט, אַ חוץ יחידי סגולה, די וואָס האָבען אַלעם געלערענט און אַלעם געלעזען און האָבען אַלעם גענומען אין אנבעטראכט די וויסען עס. אָבער דער גאַנצער פאָלק איז נאָך אומבעקאנט מיט דעם ענין; און מערקווירדיג איז אַז קיינער האָט זיך ניט גענומען די מיהע אום צו מאַכען אַ חבור אויף דעם און דאַרום איז דער פאָלק געבליבען אומבעלערענט וועגען דעם ענין און די פאָלק קוקט אויף דעם ענין פון בדיקות אַזוי ווי אויף די צערמאָני פון פסח'דיגען סדר און ביי דעם יונגען דור קומט אוים אַז אַראָבנעהמען אַ סרכה איז די זעלביגע ווי עסען כורך, און אויף אבועה מעבר לעבר, אַזוי ווי אויף יחץ, און די גאַנצע געשיכטע איז מעהר ניט ווי מגיד. מען זאָגט אַ הגדה אַז די איז טריפה, און די איז כשר, עס איז אָבער מעהר ניט ווי אַ הגדה. אַלזאָ, האָב איך מיר גענומען צו דער אַרבייט און מיט גאָטעס הילף, האָב איך געמאַכט דעם וויסענשאפטליכען ווערק וואָס וועט הייסען מיט דעם נאָמען "אור הנר", און איך גיב יעדען צו ערקלעהרען די וויכטיגקייט פון דעם, דורך וויסענשאפטליכע זאמלונגען, און ערקלעהרונגען. און דעריבער האָב איך איהם אַ נאָמען געגעבען "אור הנר." אויף דעם געדאַנק פון נור מצוה, ותורה אור, דאס הייסט אַז אַ מצוה איז געגליכען צו אַ ליכט און די תורה צו פייער, און אַז מען צינדט אָן אַ ליכט און מען טראָגט איהר אַריין אין אַ פינסטערען רום בעלייכט עס דעם גאַנצען רום אַזוי איז אויך יעדער מצוה אַז מען בעלעהרט און מען ערקלעהרט איהר בעלייכט זי די פינסטערניש פון דעם פאָלק. און אויך

אויף דעם געדאַנק נר ה׳ נשמת אָדם חופש כל חדרי בטן, דאס הייסט דעם אלמעכטיגענס ליכט מאַכט ליכטיג דיין נאַציאָנאַלע נשמה. וואָרים אידען ווערען גערופען אדם, אַז ער זאָל אונטערזוכען אַלע אינערליכע חדרים אום צו וויסען וועלכה בהמה עס איז כשר, דאס מיינט זי איז געזונד אַז מען זאָל איהר מעגען עסען אָדער ניט.

איך האָף אַז מיין ספר וועט בעלייכטען אלעמענס געדאנק וועגען דעם ענין פון כשרות. און קוקענדיג אויף מיר, וועט נאָך מן הסתם געפינען זיך נאָך געלעהרנטע מענשען וואָס וועלען מקיים זיין די גמרא ״קנאת סופרים תרבה חכמה״, און זיי וועלען נאָך ארויסגעבען נאָך חבורים אויף דעם ענין, אום צו בעלעהרען דעם אידישען פאָלק, וואָס דורשט אימער נאָך וויסענשאפט, און אום אַלע מענשען זאָלען קענען ווערען בעלעהרענט, האָב איך מיין חיבור געשריעבען אין זשארגאָן, און אין אַ לייכט זשארגאָן שפּראַכע אום יעדער זאָל עס קענען פער־שטעהן; איך בעט אויך דעם לעזער אַז פיעלייכט וועט ער געפינען אַ קריטיק געגען זיך זאָל ער ניט בייז ווערען און אַוועקלייגען אין מיטען לעזען. זאָל ער נור האָבען געדולד, און ענדיגען לעזען, וועט ער געוויס געפינען נחת אין זיין לעזען. און אויך פיעל וויסענשאפט, דען מיין חבור איז זעהר אַ וויסענשאַפטליכער. אַלע מיינע אידעעם זיינען גע־נומען געוואָרען פון חז״ל און פון ספרי רפואות, פון גאַנץ וויכטיגע פערזאָנען און עס איז ווערטה אַז יעדער רעיון זאָל גוט בעטראכט ווע־רען, און נאָכגעדיינקט ווערען.

המחבר.

התחלת הספר.

מיין ליעבע טהייערע פאלק, דו הייליגע פאלק וואס גאט האט דיר אויסדערוועהלט פון אלע פעלקער, אום צו זיין פאר איהם פאר א פאלק, ווי דער פסוק זאגט "יעקב חבל נחלתו", דאס הייסט אידען זיינען דעם טהייל פון זיין ארב, אבער ליידער מוז איך אייך מיינע טהייערע זאגען, אז מיר זיינען דעם טיטעל ניט ווערטה. איך וויל ניט אריינגעהן אין קיין וכוחים ווער עס איז שולדיג אין דעם, צי דער ביטערער גלות, וואס מען ווערט פערטריבען פון איין לאנד אין דער צווייטע, און דאס נעהמט אונז אראב אין גאנצען אידישקייט, און די גאנצע נאציאנאליזמוס און אונזער גאנצע רעליגיאן, אדער פיעלייכט זיינען מיר אליין אויך שולדיג אין דעם, פיר אונזער שוואכען כאראקטער, און וואס מיר האלטען זיך ניט שטאלץ אויף אונזערע אידעעס, אויף אונזער תורה, אויף אונזער רעליגיאן, וואס האט בעלעהרענט און ליכטיג געמאכט די גאנצע וועלט, ווי אונזערע חז"ל זאגען "זקונים שבדור אמרו פני משה כפני חמה, פני יהושע כפני לבנה", דאס הייסט, די אלטע לייט פון דעם דור זאגען אז דער פנים פון משה'ן איז געווען ווי די זון און דער פנים פון יהושע'ן איז געווען ווי דער פנים פון דער לבנה. איז דאס ערשט די קשיה, ווארים האבען דאס די די אלטע לייט גראדע געזאגט, און די יונגע ניט? ווידער מוז מען גלאט פערשטעהן דעם מאמר אז משה' ספנים איז געווען געגליכען צו דער זון, און יהושע'ס פנים צו דער לבנה. נור ברידער, לאמיר נעהמען א משל אז איינער געהט אונטער דערוועגענס איינער אליין, אין א וויסטען פלאץ ביינאכט, ער וואלט וועלען גערען זיך אברוהען, ער האט אבער מורא פאר מערדער, פאר רויבער, זיי זאלען איהם ניט בעפאלען און ערמארדען, אום צוצונעהמען זיין פערמעגען ער וואלט וועלען זיך פערשטעקען ערגעץ און עפעס א דרעמעל געבען, אבער ער האט מורא פאר חיות זיי זאלען איהם ניט צורייסען און זעטיגען זיך מיט זיין פלייש. ווי נור אבער אז דער רייזענדער ערווארט שוין די טאגעסליכט, און די זון הייבט אן צו שיקען איהרע שטראהלען אויף דער וועלט, אזוי לייגט זיך דער רייזענדער אברוהען, ווייל דאמאלסט איז ניט מעהר די צייט פון רויבער, און פון חיות רעות, ווי דער פסוק זאגט אונז אין תהלים "תזרח השמש יאספון ואל מעונותם ירבצון", דאס איז דער מיינונג פון דעם מאמר חזל, די אלטע לייט פון דור וואס האבען בייגעוואהנט די צייט בעפאר משה'ן אין די צייט פון משה'ן און די צייט פון יהושע, און זיי האבען געזעהן דעם אונטערשייד האבען זיי געזאגט אזוי: "פני משה כפני חמה", דאס הייסט

בעפאר משה איז געקומען מיט זיין תורה איז געווען פינסטער אויף דער וועלט, עס איז ניט געווען קיין גוטע געזעצע, קיין מענש איז ניט געווען זיכער מיט זיין פערמעגענס, מיט זיין לעבען, און ניט מיט די ריינליכקייט פון זיין פרוי, און ניט מיט די געזונדהייט פון עסען. אבער ווי משה האט ערשיינט מיט זיין תורה, האט א שיין געגעבען די זון פון חכמה, די זון פון עהרליכ־קייט, די זון פון ריינקייט פון די פרוי, די זון פון געזונדהייט, פון עסען, ווי מיר וועלען שפעטער ריידען אי"ה, און יעדער איז געווארען זיכער מיט זיין פערמעגען, מיט זיין גוף, מיט זיין נפש, און האט געקענט זיך זיכער אברוהען פון די מיעדקייט, פון די קעמפפונג פון די אלטע ווילדע צייטען. אבער אין יהושע'ס צייטען, זיינען די אידען אביסעל אראב פון וועג, און עס איז גע־ווארען טונקעל, אבוואהל ניט אין גאנצען. אבער דאך די זון פון חכמה, און עהרליכקייט ווי אין משה'ס צייטען זיינען שוין דאך ניט געווען. דאס איז דער מיינונג פון די חז"ל "פני יהושע כפני לבנה", יהושע'ס פנים איז מעהר ניט געווען ווי דער פנים פון דער לבנה. עס איז געווען ליכטיג אבער ניט אזוי ווי אין משה'ס צייטען, נור ווי די לבנה'ס טונקעלער ליכטיגקייט. עס איז געווען איש כל הישר בעיניו יעשה.

אלזא, ליעבע ברידער, מיט די תורה וואס משה האט אונז געגעבען דאר־פען מיר זיין שטאלץ, און איהר פראקלאמירען פיר אלע פעלקער, אבער לײדער, מיר שעהמען זיך גאר מיט דעם נאמען איד, מיר וועלען בעסער זאגען, אז מיר זיינען דייטשען, אדער פראנצויזען, אדער ענגלענדער, צו דעם ווער עס וועט אונז פרעגען ווער מיר זיינען. אבער אז מיר זיינען אידען, וועלען מיר ניט זאגען, און מאנכע פון אונזערע יונגע פילאזאפען, וועלען נאך העלפען אב־לאכען פון אונזערע הייליגע געזעצען וועלכע גיבען דעם מענשען דאס בעסטע ראטה, ווי אזוי צו זיין געזונד, און פיהרען איין עהרליכען לעבען; איך געה ניט ערקלעהרען די גאנצע תורה מיט אלע מצות בפרט נור אלס שוחט וועל איך ערקלעהרען פאר מיין פאלק, דעם ענין פון בשר כשר, ווי גוט און ווי געזונד עס איז פאר'ן מענשען, זיך צו היטען פון טריפות, און פון מאכלות אסורות.

ב.

ווייל איך וויים אז דער יונגער דור הויפטזעכליך איז זעהר ניט פראטיקלי אויף דעם, און עסען ליידער וואס עס פאלט נור אין מויל אריין, און ווייסען נעבאך ניט, אז זיי זיינען זיך מטמא דעם נפש, און שטעלען אין סכנה דעם גוף און זיי נעהמען זיך נאך איבער מיט דעם, אז זיי זיינען ניט פרום, זיי מיינען

מיט דעם, אַז זיי זיינען חכמים ווי שלמה המלך, און ערפינדער ווי עדיסאָן, אַלזאָ, איך אַלס שוחט וואָס איך שאַף שטענדיג ביי בדיקות האָב איך מיך גענומען צו ערקלעהרען דעם עולם פּאַקטיש ווי הויך די אידישע כשר פלייש איז, ניט מיט פשוטע געשפּרעכען פון מוסר, קום איך צו אייך מיין פאָלק, נור מיט פּראַקטיק, און מיט די לעהרען פון אונזערע חז״ל און פון די לעהרע פון אונזער גרויסען דאָקטאָר דער רמב״ם ז״ל, און מיט די לעהרע פון אַנדערע חכמים מחכמי הרפואה, און מיר וועלען דאָס אויפווייזען פּראַקטיש ווי נויטיג עס איז פאַר יעדען מענשען, צו זיין אַ זהיר אין כשרות, און ווי מעהר דער מענש איז געלערנט אַלץ מעהר זהיר דאַרף ער זיין, אום צו בעשיצען זיין קערפּער פון אַנשטעקונג, פון קראַנקהייט, און פון ערוועקונג פון קראַנקהייט, און פון צו פערגרעבען זיינע געפיהלען, וואָס מיר האָבען געאַרבייט אויף זיי טויזענדער יאָהרען לאַנג און וואָס מיר האָבען ערוואָרבען זיך צו אַזאַ שטופע, וואָס קיין פאָלק האָט דאָס ניט, און אום אַלע זאָלען קענען פערשטעהן און געניסען פון מיין לעהרע וואָס איך צייג זיי אויף.

דארום האָב איך געמאַכט דעם חיבור אויף פליין אידיש און ניט אויף לשון הקודש וואָס דאָס פערשטעהען נור אַ קליינע פּראָצענט פון אונזער פאָלק.

ג.

און פיעלייכט וועט איהר מיר פרעגען אַ שאלה, וואָס איז די פּעולה פון מיין ספר, מיר זעהען דאָך עס איז דאָ אַזוי פיעל מיליאָנען פערשיעדענע מענ־שען אויף דער וועלט, און זיי היטען ניט קיין כשרות, און זיינען געזונד און שטאַרק, און נאָך פיעלייכט פיעל שטאַרקער פון אונז? אויף דער וויכטיגע פראַגע וועל איך אייך ענטפערען אַ גוטען תירוץ וואָס וועט אייך אָפען מאַכען אייערע אויגען און עס וועט אייך מאַכען גאַנץ אַנדערש צו דענקען. בעפאָר מיר קומען צום תירוץ, וועלען מיר עטוואָס ריידען וועגען דעם ענין פון נדה, אום עס זאָל אונז מאַכען בעסער צו פערשטעהן דעם ענין פון כשרות; די אַלע מיליאָנען פעלקער היטען אויך קיין נדה ניט, און ביי אונז איז נדה פון די הארבע זאַכען. אַז אין די צייט פון נדה טאָר זיך דער מאַן אפילו ניט אָנ־ריהרען אָן זיין פרוי, און אַנדערע פעלקער האַלטען ניט פון דעם. אָבער ברידער, זעהט דעם רעזולטאַט פון דעם ענין, וויפיעל קראַנקהייט גיט דאָס אַנדערע פעלקער, מיר אידען וואָס מיר היטען דאָס אָב, ווייסען גאָר ניט פון די קראַנק־הייט ״סיפליס״ אָדער פראַנצען. פרעגט איין אָרטהאָדאָקסישען אידען וואָס איז דאָס פאַר אַ קראַנקהייט, וועט ער אייך שווערען אַז ניט ער און ניט זיין טאַטע און ניט זיין זיידע ווייסען דערפון. אָבער דאַגעגען ביי אַנדערע פעל־

קער זיינען דאָ זאלכע קראַנקע זעהר פיעל. מאַנכע פון זיי פעראָרדערען די דאָקטוירים ניט צו הייראַטען זאָגאַר, דאס איז אַלץ ווייל מיר היטען אָב נדה, ווי די תורה האָט געהייסען. די זעלבע זאַך איז גראַדע מיט כשרות אויך: דער מאַן וואָס היט אָב כשרות, פערהיט איהם פון פיעל פעהלערען וועלכע אַנדערע פעלקער האָבען, צום ביישפיעל: די חכמי הרפואה זאָגען, אַז עסען חזיר ברייננט פיעלע הויט־קראַנקהייט, און מאַנכע מאָהל קומט דערפון אַ עסונג אויף איינעם פון די גלידער פון קערפער, און דאס איז ניט מעגליך אויסצוהיילען.

נאָך אַ פאַקט וועלען מיר ברייננען וואָס האָט פאַסירט לעצטען ווינטער אין יאָהר תרס"ח, אין שיקאַגא. אין דעם ווינטער פון יאָהר תרס"ח איז געווען אַ גרויסע עפידעמיע אין שיקאַגא אויף גרויסע מענשען זאָ אויף קינדער. אין פערלויף פון צוויי וואָכען זיינען קראַנק געוואָרען דערפון 15 טויזענד נפשות און די שטאָדט האָט אויסגעזעהן ווי אַ האָספּיטאַל. די גרעסטע דאָקטוירים האָבען זיך גענומען מיט די גרעסטע ענערגיע אונטערצוזוכען די זאַך און אויס־צוראָטען די עפידעמיע און זייער מיה איז געווען כמעט אומזיסט. אונטער־זוכענדיג האָבען זיי בעמערקט אַז אין די אַלע קראַנקע איז ניט איין איד דאָ די אַלע זיינען געווען בלויז קריסטען. די גרויסע פראָפעסאָרען האָבען עס גענומען אין אַנבעטראַכט און האָבען אויסגעפונען אַז נאָר די איינע אורזאַכע פאַר וואָס אידען שאַדעט עס ניט איז ווייל זיי זיינען אָבגעהיט אין בשר כשר, און זיי עסען ניט אַלע אַנשטעקענדע פלייש, און די קרסטעין דאַגעגען עסען אַלעס, און דאַרום זיינען זיי אויסגעזעצט צו ווערען אָנגעשטאָכען פון אַ עפידעמיע.

ד

מיר געפינען אין היסטאָריע, (עס ווערט דאס געבראַכט אין שבט יהודא, און אין שארית ישראל) אין יאָהר ה' אלפים ק"ח איז דאַן געווען אַ גרויסע עפידעמיע אויף דער גאַנצער וועלט, און אין אייראָפּא איז קוים געבליבען אַ צעהנטע טהייל מענשען פון די גאַנצע מענשהייט אויף'ן אייראָפּעאישען באָדען, און פון די אידען האָט קיינעם ניט געשאַדעט, עס איז געקומען אַזוי ווייט אַז די קריסטען האָבען געזאָגט אַז אידען פער'סם'ען די וואַסערען און זיי אַליין ווייסען שוין די פלעצער פון וואַנען מען קען טרינקען, דאַרום שאַדעט ניט די אידען, דער אמת איז אָבער, אַז אין דעם היטען כשרות שטעקט זעהר אַ טיעפער געדאַנק, די בהמה אז זי ווערט געשאָכטען נאָך'ן אידישען דין און בודק געווען ריכטיג איז זי זעהר געזונד, און זי גיט דעם עסער פון איהרע פלייש אַ ריכטיגען געזונדען נאהרונג, אַז עס קלעפּט ניט אָן דעם אידען קיינע עפידעמיע, אָבער

ווען דער מענש עסט אלעס וואס איהם פארקומט, ער גיט ניט דערום, אלזא נעהרט ער דאך זיין קערפער מיט ניט קיין פאלשטענדיגע געזונדע נאהרונג, שטעלט ער אין סכנה זיין גוף און איז אויסגעזעצט צו יעדער צופאל פון עפי־דעמיע, כאטש ער איז בעת מעשה געזונד און שטארק דאס אליין וואלט שוין געווען גענוג אורזאכע צו היטען כשרות, אבער מיר שטעלען זיך נאך ניט צו־פריעדען מיט דעם אליין און מיר וועלען נאך פיעל העכערעס און ערהאבענערעס ריידען אי״ה וועגען דעם.

ה.

א) דער ענין פון כשרות; ב) זיין ווירקונג אויף'ן מענשען; דער ענין פון כשרות מיינט די געזעצען פון דעם, און די טעמים פון כשרות, זיי ווערען פאנאנדערגעטהיילט אין דריי טהיילען. א) איסור מטעם הדין; ב) וואס עפ״י דין איז מותר נור? מטעם סכנה איז עס אסור; ג) עס איז ניט אסור מן הדין, מטעם טריפה, און אויך ניט מטעם סכנה, נור עס איז אסור איבער מיאוס, דאס הייסט עקעלהאפט, אדער אונקלין.

יעצט ציטירען מיר די טריפות וואס דער רמב״ם רעכענט אויס, און מיר וועלען דארויף מאכען בעמערקונגען, און אנצייגונגען וואס עס פאדערט צו אונזער ענין: (רמב״ם פרק י׳ הלכות שחיטה) נמצא כל הטריפות המנויות כשיפרטו ואפשר שימצאו בבהמה וחיה, שבעים ואלו הן על הסדר שנתבאם בחבור זה, דאס הייסט, אלע טריפות, וואס זיינען געצעהלט געווארען אז מען זאל זיי אויסרעכענען וויפיעל עס געפינט זיך ביי א בהמה און א חיה געפינט זיך סך הכל זיעבציג סארטען טריפות. אזוי ברייננגט דער רמב״ם.

ו.

א) דרוסה; ד׳ ה׳ אז א בהמה איז בעפאלען געווארען פון א לייב און דער לייב האט אריינגעשטעקט זיינע נעגעל אין דער בהמה כאטש זי לעבט און געהט אום, דאך איז די בהמה פערגיפטעט פון דעם לייבס נעגעל און זי איז טריפה. דאס איז בלויז איין משל פון דריסה, געוועהנליך גיבט עס פער־שיעדענע אופנים. ב) ניקב תורבץ הושט; אז עס איז געלעכערט געווארען דער אנפאנג פון שלונד צו דורך א קראנקהייט אדער דורך א דארען אדער עני געגענשטאנד; ג) ניקב קרום של מוח, עס איז געלעכערט געווארען דער הויט וואו די געהירען ליגט אין איהם און וואס נור פאר א אופן עס קען פארפאלען צו ווערען געלעכערט; ד) נתמסמס המוח, עס איז זעהר וויך געווארען די

מארך אז עס האט קיין שטייפקייט ניט; ה) ניקב הלב עצמו לבית חללו, אז די הארץ איז געלעכערט געווארען ביז איינע פון די דריי חללים צו דורך א קראנקהייט אדער אנאנדער סיבה; ו) ניקב קנה הלב; עס איז געלעכערט גע־ווארען דער פייפ פון הארצען; ז) ניקבה המרה, עס איז געלעכערט געווארען דער אויטסיידער הויט פון גאל; ח) ניקבו קני הכבד, עס זיינען געלעכערט געווארען די פייפס פון לעבער; ט) ניקבה הקיבה, אז עס איז געלעכערט געווארען דער מאגען דורך און דורך; י) ניקב הכרס, אז עס איז דורכגעלעכערט געווארען די וואמפ; יא) ניקב המסס, אז עס איז דורכגעלעכערט געווארען דער פאנץ; יב) ניקב בית הכוסות, אז עס איז דורכגעלעכערט געווארען דער צווייטער פאנץ; יג) ניקבו מעיה, אז עס זיינען חורכגעלעכערט געווארען די קישקעס (דערמען); יד) יצאו המעיים לחוץ ונהפכו, אז עס זיינען ארויסגעגאנגען די קישקעס אויטסייד און זיי האבען זיך פארקעהרט אריינגעצויגען צוריק; טו) ניקב הטחול בעוביו, אז עס איז דורכגעלעכערט געווארען דער מילץ אין דעם דיקען ענד; טז) חסרה המרה, אז עס פעהלט די גאל; יז) נמצאי שני מרות, אז עס איז געפונען געווארען צוויי גאלען; יח) חסרה הקיבה, אז עס פעהלט דער מאגען; יט) נמצאו שתי קיבות, אז עס זיינען געפונען געווארען צוויי מאגענס; כ) חסר הכרס, אז עס פעהלט די וואמפ, (טרייפ); כא) חסר המסס, כרסים, אז עס זיינען געפונען געווארען צוויי וואמפען; כב) חסר המסס, אז עס פעהלט דער פאנץ; כג) שני מססים, אז עס איז געפונען געווארען צוויי פאנצען; כד) חסר בית הכוסות, אז עס פעהלט דער צווייטער פאנץ; כה) שני כססות, אז עס איז געפונען געווארען צוויי צווייטער פאנצעס; כו) חסר אחד מן המעיים, אז עס פעהלט איינע פון די קישקעס; כז) שני מעיים, אז עס איז דא דאפעלע קישקעס; כח) ניקבה הריאה, אז עס איז דורכגעלעכערט גע־ווארען די לונג; כט) ניקב הקנה למטה במקום שאיני ראוי לשחיטה, אז עס איז דורכגעלעכערט געווארען דער (גארגעל) פייפ פון לונג זעהר נידעריג צום גוף אוואו עס איז ניט ראוי צום שעכטען; ל) ניקב סימפון מסימפוני ריאה אפילו לחבורו, אז עס איז לעכעריג געווארען די קליינע פייפלאך וואס געהט אין דער גאנצער לונג דורך, אפילו פון איין פייפ אין צווייטען אריין; לא) נאטם מקום מן הריאה, אז עס איז פערשטאפט געווארען איין פלאץ אין לונג אז עס קען קיין ווינד אריין דארט; לב) נימוק סימפון מסימפוני הריאה, אז עס איז צוגאנגען געווארען איינע פון די פייפס פון לונג; לג) נמצאה ליחה סרוחה בריאה, אז עס איז געפונען געווארען פארעיפושטע מאטעריע אין לונג; לד) נמצאו בה מים סרוחים, אז עס איז געפונען געווארען פארעיפישטע וואסער אין לונג; לה) נמצאי בה מים עכורים אעפ״י, שלא היסריחו, אז עס איז געפונען געווארען ברודנע וואסער אין לונג כאטש די וואסער שטינקט ניט; לו) נשתנה מראיה, אז עס איז פערענדערט געווארען דער קאליר פון די לונג; לח) נהפך הושט במראיו, דער

שלונד האָט צוויי הויטען איינע אַ רויטע און די אינעווייניגסטע אַ ווייסע איז אויבּ עס האָט זיך אומגעקעהרט, דאס הייסט אַז די ווייסע הויט איז אויטסייד און די רויטע אינסייד; לט) חסרה הריאה מנין האונות; אַז עס פעהלט דער צאָהל פון די בּראנכען פון לונג; מ) נתחלפו האונות, די בּראנכען האָבען זיך פערבּיטען; מא) הותירו האונות מגבה, אַז עס איז אויסגעוואַקסען אַ איבּעריגע אונה אויף די אויסערליכע זייט פון לונג; מבּ) נסרכה אונה לאונה שלא כסדרן, אַז עס איז געוואַקסען געוואָרען איין אונה צו די צווייטע ניט ווי דער סדר איז; מג) חסר מקצת הריאה, אַז עס פעהלט עטוואס פון די לונג; מד) נמצאה הריאה בּלא חיתוך אזנים, אז די לונג האָט ניט קיין בּראַנכען; מה) יבש מקצת גופה, אַז עס איז אָבּגעטריקענט געוואָרען אַ שטיקעל פון דער לונג; מו) נמצאה הריאה נפוחה ועומדות, אַז עס איז געפונען געוואָרען די לונג איז אויפגעבּלאָזען ווי בּיי אַ לעבּעדיגע בּהמה; מז) צמקה הריאה מפחד אָדם, אַז די לונג איז געוואָרען אָבּגעדאַרט ווייל די בּהמה האָט זיך דערשראָקען פון אַ מענשען; מח) חסר הרגל בּין מתחילת בּרייתו בּין שנחתך, אַז עס פעהלט די בּהמה אַ פוס צו זי איז זאָ געבּאָרען, אָדער מען האָט איהר די פוס אָבּגעשניטען; מט) או שהיתה יתירה רגל, אַז זי האָט געהאַט אַ איבּעריגע פוס; נ) ניטלה צומת הגידין, אַז עס איז צוגענומען געוואָרען די צומת הגידין: דאס הייסט די שטאַרקע אָדערען וואָס איז איבּערן קניע; נא) ניטלה הכבד, אַז עס איז צוגענומען געוואָרען דער לעבּער; נבּ) ניטל לחי העליון, אַז עס איז אַראָבּגענומען געוואָרען דער אויבּערשטער בּאַק; נג) כוליא שהקטינה בּיותר, אַז אַ ניר איז געוואָרען זעהר קליין; נד) כוליא שלקתה, אַז אַ ניר האָט בּעקומען אַ קלאַפּ און איז קראַנק געוואָרען אויף דעם; נה) כוליא שנמצאת בּה ליחה, אַ ניר וואָס אינעווייניג איז געפונען געוואָרען מאַטעריע; נו) כוליא שנמצאו בּה מים עכורים אעפ״י שאינן סרוחים, אַז אין ניר איז געפונען געוואָרען שמוציגע וואַסער כאָטש זיי זיינען ניט פערשטונקען; נז) כוליא שנמצאי בּה מים סרוחים, אַ ניר וואָס מען האָט געפונען אין איהר פערשטונקענע וואַסער; נח) נפסק חיט השדרה, אַז עס האָט זיך איבּערגעריסען די שנור מאַרך וואָס געהט פון קאָפּ בּיז דורך׳ן גאַנצען רוקען; נט) נמרח מוח חוט השדרה ונתמסמס, אַז עס איז ווייך געוואָרען די מאַרך וואָס געהט דורך דעם גאַנצען רוקען און עס איז אַזוי ווי צוגאַנגען; ס) נקרע רוב הבּשר החופה את הכרס, אַז עס איז צוריסען געוואָרען אין העלפּט דאס רוב פלייש וואָס בּעדעקט די בּויך; סא) נגלד העור שעליה, אַז עס איז אַראָבּגעקראָכען די לעדער פון די בּהמה סיי דורך אַ סאָרט קרעץ, אָדער דורך אַנדערע צופעללע; סבּ) נתרסקו אבריה מנפילה, אַז עס איז צוריבּען געוואָרען איהרע גלידער פון פאַללען; סג) נדלדלו הסימנין, דאס הייסט אַז די סמנין דער ושט האָט זיך אָבּגעשיידט פון קנה; מד) נשתבּרו רוב צלעותיה, אַז עס זיינען צובּראָכען געוואָרען דאס רוב פון איהרע ריפּפּען בּיינער; סה) נעקרו רוב צלעותיה,

אַז עס זיינען אויסגעריסען געוואָרען דאס רוב פון איהרע ריפּפּען ביינער; סו) נעקרה צלע אחת בחולייתה, אַז עס איז אויסגעריסען געוואָרען אַ ריפּ מיט דעם ביינדעל צוזאַמען; סז) נעקרה חוליה אחת, אַז עס איז אויסגעריסען געוואָרען איין רוקען ביינדעל; סח) נשמט הירך מעיקרו, אַז עס האָט זיך אַרויסגעלינקט דער דיך פון דעם פּלאַץ וואו ער זיצט; סט) חסרה הגולגולת כסלע; אַז עס פעהלט פון קאָפּ ביין אַזאַ שטיק גרויס ווי אַ דאלאר; ע) נחבס רוב הגולגולת ונתרוציץ, אַז עס איז צוקלאַפּט געוואָרען דער ביין פון קאָפּ און ער איז צושמעטערט כאָטש עס זיינען דאָ אַלע זיינע שטיקלאַך פון ביין; דאס זיינען די זיעבציג קראַנקהייטען וואָס אסור'ן די בהמה אָדער די חיה איבער דעם איסור פון טריפה.

ז.

אַלזאָ, ליעבער לעזער, איך האָב דיר איבערגעגעבען אַ ליסטע פון זיעבציג קראַנקהייטען וואָס דער וועלט בעריהמטער דאקטאר און דער וועלט בעריהמטער געלעהרטער רמב"ם האָט עס געמאַכט בקיצור. אָבער דו מוזט אויך וויסען אַז יעדער סאָרט קראַנקהייט האָט פערשיעדענע פעלע נאָך, און אויף יעדען קראַנקהייט איז נאָך דאָ אַ גאַנצער סימן וואָס עס ווערט אַרומגערעדט אַלע פעללע ווי עס קומט, און איך וועל נאָר ציטירען די בעקאַנטע קראַנקהייט, מיט וואָס דער עולם איז מעהר געוואוינט, אום עס זאָל לייכטער זיין צו פערשטעהן, די אַכט־און־צוואַנציגטע קראַנקהייט איז אַז די לונג איז געלעכערט. אונטער די ווערטער די לונג איז געלעכערט, מיינט מען ניט דוקא אַז יעמאַנד האָט איהר לעבעדיגערהייד געלעכערט די לונג, נור עס ווערט אויך פערשטאַנען אַז זי איז דורכגעלעכערט געוואָרען דורך אַ קראַנקהייט, און נאָך רש"י'ס שיטא גאָך, ווערט דאס אויך פערשטאַנען דער גאַנצער ענין פון סרכות, דען רש"י זאָגט אַז יעדער סרכה וואָס מען געפינט אויף'ן לונג, איז ווייל דער לונג איז געוואָרען לעכערדיג, און עס האָט אָנגעפאַנגען אַרויסגעהן פון איהם זאָ איין פליסיג־קייט, וואָס עס איז געוואָרען דערפון אַ סרכה.

אום בּרייטער צו פערשטעהן וועלען מיר בריינגען אויסציגע פון אורח לחיים פון דאקטאר בריינין, וועגען דעם לונג און זיין אַרבייט אין קערפּער. דער לונג פאַנגט אָן זיך צו רעכענען פון קנה, דאס הייסט דער נאָרגעל, צו ערשט געהט אַראָב פון שלינג אָן אַ ברייטער פּייפּ; אין דער פּייפּ ווערט צו־שפּרייט אויף קלייניקע פּייפּעלאַך און קלענערע פאַר די קלענערע, ביז זיי ווערען אַזוי דין אַז מען מוז אויף זיי קוקען מיט אַ פערגרעסער גלאָז ווען מען וויל זיי זעהן. עס קוקט דאס אויס אַזוי ווי אַ בוים מיט צווייגען, און די ענדע פון די פּייפּעלאַך איז צוגעשלאָסען ווי מיט אַ בלעזעלע און די פּייפּס אַלע

איז דאָ אַ דין הייטעלע, וואָס קוועלט שטענדיג אַ פליסיגקייט. די פלייש פון לונג איז צוזאַמענגעזעצט פון קלייניגקע בלאָזעקלאַך, די קליינע בלאָזעקלאַך זיינען אין זעהר אַ גרויסען צאָהל, אַז זיי טרעפען אָן 1800 מיליאָן, צווישען די בלאָזעקלאַך געהען זאָלכע פעדים פליישענע וואָס ציהען זיך הין און צוריק, ווי אַ גאַם, דאס איז דער צוזאַמענשטעלונג פון די לונג. אויפ'ן לונג איז בעצויגען צוויי הויטען, די הויטען האָבען אַ נאַטור, אַז זיי נעהמען איין אַלע פליסיגקייט און גיבען אויך אַרויס אַ פליסיגקייט פון זיך. (עיין במעדנו יו"ט חולין דף מ"ו באור על המאמר מתוך שהריאה שאבת כל מיני משקין). די לינקע זייט פון לונג איז צוטהיילט אין דריי טהייל, צוויי אונות אין אאומה, די רעכטע זייט פון לונג איז צוטהיילט אין פיער טהיילען (חוץ מהורדא) דריי אונות און אאומה צווישעןביידע אומות ליגט די הארץ דער עיקר פון די כלים פון בלוט, דער גרויסער שלאַג אָדער וואָס געהט אַרויס פון די רעכטע זייט הארצען געהט אַריין אין לונג און טרייבט אַריין די בלוט פון הארצען אין לונג ביז די דינסטע פון די קלייניגקע אָדערלאַך, וואָס געהט אין גאַנצען לונג, וואָס צו ענדע זיינען זיי אַזוי דין אַזוי ווי זייד, און ווען מען אטהעמט אַריין, קומט דער לופט צו, צו די בלוט דורך די דינע הייטעלע וואָס שיידעט אָב צווישען די בלאָזעקלאַך ביז די בלוט אָדערען, און זי נעהמט צו דעם חלק זויער שטאָף פון די לופט וואָס זי האָט נויטיג, און די בלוט ווערט דאַדורך געסטאָלירט, און קריגט אַ רויטע מראה. אין קורצען, הייסט דאס אַז די לונג איז די דיסטילערי פון די בלוט און זי שיקט אַריין אין הארצען ריינע געסטאָלירטע בלוט, אין די הויטען פון לונג געפינט זיך קלייניגקע לעכעלאַך וואָס מען רופט זיי פאָרים (זיי געפינען זיך גראַדע אין גאַנצען קערפער נישט דוקא אין לונג) עס פאַסירט גאַנץ אָפט, אַז דורך אַ קליינע קראַנקהייט ווערען די פאָרום זעהר גרויס, און די פליסיגקייט וואָס געהט אַרויס פון לונג בלייבט אויפ'ן לונג, און עס ווערט פאַרגליווערט, און עס ווערט דערפון אַ סרכה. און מאַנכע מאָהל געהט אַרויס פיעל פליסיגקייט, און עס ווערט אַ גאַנץ גרויסע סרכה, איבער אַ גרויסע טהייל פון לונג. די סרכה איז טריפה ווייל דער לונג איז שוין געלעכערט, און די בהמה איז שוין אויסגעזעצט צו אַ לונגען קראַנקהייט. עס פאַסירט, אַז עס ווערט אַ סרכה פון דעם נעץ וואָס די ברוסט גיט אַרויס אין די לונג וואָס זי האָט דעם נאַטור אַז זי נעהמט איין די פליסיגקייט פון די ברוסט, ווערט אויך אַ סרכה. אָבער אַזאַ סרכה איז כשר, זי נעהמט זיך אימער גוט אַראָב, דאס איז נאָך רש"י'ס שיטא נאָך.

ח.

דער רמב"ם זאָגט אַז אַ סרכה וואָס נעהמט זיך אַראָב און עס איז נישט מבצבץ, איז ווייל עס איז נור געלעכערט געוואָרען דער אויבערשטער הויט

פון לונג, עס גיבט אויך פעללע וואס א סרכה קומט אויף א פלאץ וואס דער לונג האט איין אנדער קראנקהייט, צום ביישפיעל, עס קומט אפט פאר א סרכה אויף א אבגעדארטע שטיק לונג, אדער אויף א גריבעל, אדער אויף א בועה (ד"ה א רייסונג) אזא סרכה איז טריפה (מטעם ת"ל) דאס קען יעדער מענש פערשטעהן אז די סרכה איז פון די קראנקהייט געווארען, און די בהמה ווי פעט זי זאל זיין איז זי א קראנקע, און איהרע פלייש איז שוין ניט ווי עס דארף צו זיין, און דער מענש וואס עסט איהרע פלייש קען בעקומען א לונגען קראנקהייט, אדער איין אנדער קראנקהייט, וואס איז בעהאלטען אין דער בהמה'ס פלייש. ווארום? דען די לונג קען שוין ניט טהאן איהרע ארבייט ריכטיג, און דער בלוט ווערט פערדארבען, און אז דער בלוט איז פערדארבען איז שוין די פלייש אויך ניט געזונד; דאס איז נור איינינע פעללע פון סרכות, עס גיבט נאך פערשיעדענע פעללע, נור ווייל איך וויל ניט צופיעל בעלעסטיגען דעם לעזער שרייב איך בקיצור.

די 31טע טריפה איז נאטם מקום מן הריאה, אז אין איין פלאץ איז פערשטאפט געווארען און עס געהט ניט אריין קיין ווינד דארט, דאס קען אויך יעדער פערשטעהן אז דער פלאץ וואו עס קומט ניט אריין קיין ווינד מוז עס פערפוילט ווערען די שטיקעל לונג וואו דער ווינד קומט ניט אריין.

די 33טע טריפה איז, אז עס איז געפונען געווארען פערשטונקענע מאטעריע. אין די וויטערדיגע פעללע איז אויך פון פערשיעדענע מאטעריע אין לונג. יעדער ווייסט אז עס ווערט חלילה קראנק א מענש אויף'ן לונג און ער הוסט שטארק און בעקומט די אסטמא, איז דאס איינע פון די שווערע זאכען צו קורירען און דאקטוירים זאגען אז אפילו די שפיי איז אויך שעדליך אז א מענש זאל אויף דעם ארויפטרעטען. אין די אלע פעללע איז אלץ פערשיעדענע פעללע פון אסטמא, און יעדער קען פערשטעהן ווי שעדליך דאס וואלט געווען פאר'ן מענשען צו עסען זאלכע פלייש.

די 37טע טריפה איז נשתנה מראיה, אז די לונג האט בעקומען זאלכע פארבען וועלכע האבען פערדארבען די הויט פון לונג צו פון א קראנקהייט, אדער אנאנדער צופאל, אז די הויט האט בעקומען אזא קאליר. די מעדיציינישע וויסענשאפט ערקלעהרט אז עס האבען זיך בעזעצט אויף דיעזע פלעצער קליינע באצילען וואס עסען אויף די לונג.

די 45טע טריפה איז יבש מקצת מן הריאה, אז עס איז אבגעטריקענט געווארען א טהייל פון דער לונג. דאס ווייסט יעדער ווי שעדליך קאנסאמפשאן איז, און ח"ו אז עס פאנגט אן צו טריקענען די לונג איז דאס איינע פון די געפעהרליכסטע זאכען, וואס די מעדיציינישע וויסענשאפט בעהויפטעט אז אפילו דער אנריהרען זיך אן אזעלכע זאכען איז אויך זעהר ניט גוט. דא האב איך

אייך איבערגעגעבען איינִיגע פעללע פון לונגען־קראנקהייט, וואָס עס מאכט טריפה די בהמה; פון דעם סעמפּעל דיינק איך איז שוין גענוג איבערצייגען זיך וואָס פאר א סאָרט בהמה עס ווערט טריפה, נור אום נאָך פערשטענדיגער צו מאכען די זאך, וועל איך נאָך ברייננען די טריפות פון מאָגען.

ט.

עס מאכט זיך גאַנץ אָפט, אז מען געפינט דורכגעלעכערט דעם צווייטען פּאַנץ דורך און דורך מיט א נאָגעל. אום דאס דייטליך צו ערקלעהרען וועל איך ברייננען דעם ענין ווי די עסען ווערט פערדייט: גלייך ווי די בהמה עסט ווערט דער עסען צוקייט ביי די בהמה אין מויל, און עס ווערט דורכגעמישט מיט די פליסיגקייט פון מויל, וואָס דאס מאכט א ווירקונג אויף'ן פערדייהען דעם עסען און פון מויל קומט אראָב די עסען דורך'ן ושט אין כרס, דאָרט ווערט זי אויך דורכגעמישט מיט אזא פליסיגקייט וואָס די וועגט פון כרס גיבען ארויס, און דאס מאכט שוין דעם עסען נאָך פיעל אנדערש. פון כרס געהט אריין דער עסען אין בית הכוסות און דאָרט ווערט דער עסען וויטער צומאָלען און צו־מישט מיט אנאנדער פליסיגקייט, וואָס דאס מאכט א גרויסע ווירקונג אויף די שפּייז, און נאכהער קומט די שפּייז אריין אין המסס און מאכט אויך דורך א בעמשע ווירקונג, און נאכהער קומט עס אריין די שפּייז אין מאָגען, און פון מאָגען אין די קישקעס, (דערמען) און יעדער פלאַץ אין יעדער פון די כלים מאכט איהר געוויסען ווירקונג אויף די שפּייז וואָס קומט דאָרט אריין, און שיקט ארויס איהרע אויסגעארבייטע שטאָף אין פערשיעדענע ריכטען. די וועלכע עס איז שוין פּאַרטיגע בלוט ווערט אריינגעשיקט אין די בלוט אָדערען אין וועלכע עס איז נאָך ניט פערטיג ווערט עס וויטער געשיקט און דאָרט ווערט עס צומישט מיט אנדערע זאַפטען, אין וועלכע עס ווערען פערטיג אין בלוט ווערט אריינגעשיקט אין די בלוט־אָדערען, און וועלכע עס איז אָבשטאַנד ווערט ארויסגעשטופּט אויטסייד; אלזאָ, יעצט קומען מיר צו די ריכטיגע ערקלעהרונג א געזונטער מאָגען, אָדער א געזונטער פאַנץ, גיט ארויס געזונטע קראַפט פאר די בהמה, און איהרע פליש גיבען דעם ריכטיגען נאהרונג דעם עסער פון די פלייש, אָבער ווען דער מאָגען אָדער דער בית הכוסות איז א קראַנקער און האָט ניט די ריכטיגע פערדייהונגס קראַפט, און עס ווערט נאָך צומישט די שפּייז מיט פליסיגקייט וואָס דער מאָגען גיט ארויס צוליעב די קראַנקהייט, קען מען דאָך פערשטעהן אז די עסען וואָס די בהמה פאַרדייט, איז פול מיט דעם קראַנקען פליסיגקייט, און איהר גאַנצער קערפּער בעקומט זי איין פּלי־סיגקייט אין זיך, און די פלייש איז ניט געזונד פיר דעם עסער, און אזוי דריקט זיך אוים דער רמב"ם צו יִנדע וואו ער פּאַנגט אויסרעכנען די אַלע

טריפות אלו השבעים חליים שאוסרים את הבהמה והחיה משום טריפה, ד. ה. דאס זיינען די 70 קראנקהייטען וואס אסור'ן די בהמה אדער די חיה איבער דעם טעם פון טריפה. היינט לאמער בעמערקען ווען דער רמב"ם זאגט דאס דער איסור איז איבער קראנקהייט פון דער בהמה, קענען מיר פערשטעהן אז עס איז שרעקליך פאר'ן מענשען צו עסען טריפות, אום דער מענש זאל ניט אנגע־שטעקט ווערען מיט פערשיעדענע קראנקהייט. פון די לעהרע פון דעם גרויס געלעהרטען מאן דעם רמב"ם קען יעדער לערנען ווי ווייט דער ענין פון כשרות שטעהט הויך, און ווי ווייט מען דארף שעצען און שטיצען די שוחטים וואס דערלאנגען דעם בעל־הבית א כשרה שטיקעל פלייש. אבער לײדער דאס פאלק טרעט אויף אלעם וואס איז הייליג און אויף אלעם וואס איז גוט, אונטער איהרע פיס. עס קומט אוים ביי דעם נארישען פריידענקער אז עס איז צו פאר־צייטיג און יעצט איז דאך א פארטגעשריטענע וועלט דארף מען געווים אנדערש טהאן. אבער דער טעות איז זעהר א גרויסער. לייגט נאר זיך איבער, איהר נעהמט זיך איבער מיט ציוויליזאציאן, וואס מיינט דער ווארט ציוויליזאציאן? דאס הייסט חכמה בילדונג, איהר ווילט חכמה, איהר ווילט בילדונג, פאר וואס לערענט איהר ניט, אונטער דער צייט וואס ערצטע ערקלעהרען אז די אידישע פלייש איז די געזונדסטע, פאר וואס לויפט איהר פון איהר? חכמה איז קיין מאהל ניט אלט און ניט שעדליך. זעהט וואס דער פסוק זאגט: כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, כי אני ה' רופאיך, די אלע קראנקהייט וואס איך האב געטהאן אין די מצרים וועל איך אויף דיר ניט טהאן, ווייל איך בין דיין דאקטאר, א דאקטאר היילט מענשען אויף צוויי אופנים: ווען ער איז קראנק גיט ער איהם מעדיצין צום קיורען פון זיין קריינק, און ווען ער איז געזונד, פערהיט ער איהם פון קראנקהייט, ער זעהט נאך גוט זיין נאטור פון זיין קער־פער, און זאגט איהם אן וואס ער קען עסען און וואס ניט, און דאדורך שטעהט ער אין א געזונדען צושטאנד. היינט לאמיר פערשטעהן וואסער דאקטאר לוינט זיך בעסער פאר'ן מענשען צו דער דאקטאר וואס לאזט איהם קראנק ווערען און נאכהער היילט ער איהם, אדער דער דאקטאר וואס היט אב דעם מענשען אז ער זאל גאר ניט קראנק ווערען. געוועהנליך פערשטעהען מיר אז דער דאקטאר וואס לאזט דעם מענשען ניט קראנק ווערען איז דער מענש מעהרער פון איהם צופריעדען אלס פון דעם אנדערען וואס לאזט איהם קראנק ווערען און היילט איהם. יעצט פערשטעהען מיר דעם פסוק: די מצרים מעגען עסען אלע טריפות ונבילות, שקצים ורמשים, און זיי ווערען אנגעשטעקט מיט קראנקהייט, ווי עס איז בעוואוסט פון היסטאריע אז אין מצרים עקזיסטירט פיעלע קראנקהייט, און זיי מוזען זיך קיורען פון דעם. דאס זאגט דער פסוק: כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, אז די אלע קראנקהייט וואס די מצרים האבען וועל איך אויף דיר איך ניט טהאן, דען זיי האב איך מתיר

געוועז טריפות, נבילות, שקצים ורמשים, ווי דער פסוק זאָגט אין סדר נח: כל רמש אשר הוא חי לכם יהיה לאכול וכו׳, ד״ה אַלעס וואָס עס קריכט און לעבט האָב איך אייך געגעבען צום עסען, דאַרום מוזען זיי זיך נאָכדעם קורירען, אָבער דיר איד האָב איך פערבאָטען די אַלע שעדליכע זאַכען, און איך האָב דיר פערהיט אַז דו זאָלסט גאָר ניט קראַנק ווערען כי אני ה׳ רופאיך, ווייל איך בין דאָך דיין דאָקטאָר און איך ווייס דיין נאַטור און אַלעס וואָס עס איז שעדליך פאַר דיר, און איך פערהיט דיר פון אַלע קראַנקהייט.

ביז יעצט האָבען מיר גערעדט פון פאַקטען וואָס איז אָסור מטעם טריפה יעצט ווילען מיר ריידען דעם צווייטען פאַל וואָס עס איז אָסור מטעם סכנה.

י.

(חולין נ״ח ע״ב משנה וגמרא) (ביו״ד סימן ס׳ ס״קב) אכלה סם המות של אדם או הכישה נחש וכיוצא בו מותר משום טריפה ואסורה משום סכנות נפשות, ד״ה אַ בהמה וואָס האָט געגעסען אַזאַ זאַך וואָס עס איז פויזען פאַר׳ן מענשען, אָדער אַ שלאַנג האָט איהר איינגעביסען און אריינגעלאָזען דעם גיפט אין איהר, איז מן הדין איבער דעם טעם פון טריפה איז זי כשר וואָרים איהרע אַלע גלידער זיינען גאַנץ אָבער עס איז אָסור איבער סכנה, ווייל דער מענש וואָס וועט עסען איהרע פלייש וועט פערגיפטעט ווערען, דאָס איז אַזאַ זאַך וואָס עס קען פאַסירען אָבער ניט אָפט. מיר ווילען אָבער בריינגען אַ ראיה פון בדיקות עס פאַסירט גאַנץ אָפט אַז מען געפינט פראַנצען אויף׳ן לונג און מאַנכע מאָהל איז דאָס פערשפרייט אין גאַנצען קערפער פון די בהמה, דער דין זאָגט אויב די פראַנצען נעהמען זיך אַראָב פון לונג און די לונג בלייבט גאַנץ איז עס כשר און פאַר די איבעריגע וואָס זיינען פערשפרייט אויף׳ן גאַנצען קערפער דאַרפען מיר ניט דערום געבען. דאָס איז מטעם הדין. אָבער דער ט״ז זאָגט אַז עס איז אָסור משום סכנה, און מען זאָל גאָר ניט אָנפאַנגען נעהמען פון לונג די פראַנצען. עס גיבט אויך נאָך איניגע פעללע אָבער איך האָב נור געבראַכט אויסציגע ווייל איך וויל ניט בעלעסטיגען דעם לעזער, און ווען דער לעזער וועט זיין באמת אַ אוהב חכמה און וועט ווילען מעהר איינצעלהייטען, איז אָדער ער וועט זוכען אין ספרים, אָדער ער וועט פרעגען, און אַז מען זוכט געפינט מען, און אַז מען פרעגט דערפרעגט מען זיך. ביז יעצט האָבען מיר געבראַכט ראיות פון דעם צווייטען טהייל וואָס עס איז אָסור משום סכנה, יעצט ווילען מיר ציטירען דעם דריטען פאַל וואָס עס איז מותר מטעם טריפה און עס איז אויך ניט קיין סכנה, נור עס איז אָסור מטעם מאוס, דאָס הייסט עס איז אונקלין.

יא.

(יו״ד סימן קט״ז ס״קו): אסור לאכול מאכלים ומשקים שנפשו של אדם

קצה בהם, כגון משקים ומאכלים שנתערבו בהם קיא או צאה, וליחה סרוחה וכיוצא בהם, דאס הייסט אַ מענש טאָר ניט עסען און טרינקען אַזעלכע זאַכען וואָס דער מענש עקעלט זיך דערפון, צום ביישפּיעל; געטראַנקען און עסענ־וואַרג וואָס האָבען זיך פערמישט אין די אויסברעכונג וואָס אַ מענש ברעכט אויס צוריק, אָדער מיסט אָדער מאַטעריע פערשטונקענע. דער פאַל פון איסור מחמת מיאוס קען זעלטען פאַסירען ביי אַ גאַנצע בהמה, אָבער עס פּאַסירט אָפט ביי איין גליעד אַז מען זאָל עס דאַרפען אַוועקוואַרפען. עס פּאַסירט אַז דער לעבער איז אָפט פול מיט מאַטעריע אָדער דער לונג האָט אין זיך קליינע בועות, וואָס מטעם הדין איז עס כשר, אָבער דאָך יוזט מען עס ניט איבער מאוס ווייל עס איז עקעלהאַפט און מען וואַרפט אַוועק דעם גאַנצען לעבער אָדער דעם גאַנצען לונג. עס איז אויך פאַראַנען אייניגע זאַכען וואָס מען וואַרפט אַוועק איבער מאוס אין טרייבערען די פליש, צום ביישפּיעל די גילען זיינען אָסור מחמת מאוס, און דער וואָס טרייבערט די פליש וואַרפט זיי אַוועק. עס איז אָבער ווערטה צו בעמערקען, אַז די חכמת הרפואה זאָגט אַז מען זאָל דאס אַוועקוואַרפען, אום דאס צו פערשטעהן וועלען מיר עטוואס ערקלעהרען וואָס די גילען זיינען און וואָס זיי נוצען אין קערפּער. די גילען געפינען זיך אין פערשיעדענע פּלעצער אין קערפּער, זייערע נוצען איז אַז אַלע פייכטקייט וואָס קוקט ווי וואַסער וואָס געפינט זיך אין קערפּער, איז דער מקור אין די גילען. זיי זיינען די וואַסער קוועלען און פון זיי ווערען פערשפּרייט נעץ אין גאַנצען קערפּער, און אַז עס מאַכט זיך עטוואס אַ קראַנקהייט ווערען די גילען פון יענעם נאַכבאַרשאַפט וואו די קראַנקהייט געפינט זיך ווערען זיי געשוואָלען, און קלייבען צוזאַמען אין זיך אַ גרויסען צאָהל פון מיקראָבען, צום ביישפּיעל, ווען עס פאַנגט זיך אָן צו ענטוויקלען קאָנסאַמפּשאַן ווערען עפעקטעט צו ערשט די גילען וואָס אַרום שפּיץ גאָרגעל און וואָס עס איז הינטערען לונג. און זיי אין פערשיעדענע קראַנקהייט ווערען די גילען צו ערשט אינ־פעקטעט נאָהענט צום פּלאַץ וואו די קראַנקהייט ווערט ענטוויקעלט. אַלזאָ אי־בער דעם שטאַנדפּונקט פון געזונדהייט האָט מען עס אויך ניט געברויכט צו עסען, אָדער וועלכע וואָס זיינען אינפעקטעט, אָבער די וואָס זיינען ניט אינ־פעקטעט וואָלט מען געקענט עסען, אָבער אום קיינע אונטערשיעד צו מאַכען האָט דער דין געזאָגט אַז אַלע גילען מוז מען אַוועקוואַרפען. אַלזאָ, דער שוחט וואָס איז אָנגעשטעלט אין שלאַכט־הויז גיט אַכטונג אויף די כשר פליש אַז זיי זאָלען זיין ריכטיג אויף אַלע אופנים צו אין געזונדהייט און צו אין קלינ־קייט.

יב.

אָבער ליידער, דער איד איז אַזאַ פאָלק וואָס איז קיין מאָהל מכיר טובה,

און פערשטעהט ניט ווי צו שעצען זיינע אַפּיסערס, וואָס היטען זיין געזונד, הויפּטזעכליך אין דיעזען פרייען לאַנד אין אַמעריקא ווערט דער איד אַזוי ווילד אַז ער ווייס גאָר ניט וואָס צו טהאָן פון ווילדקייט, ער טראַמפּעלט אויף יעדע גוטע אידעע, ער לאַכט פון יעדען וואָס וועט היטען די גוטע לעהרע פון אונזער רעליגיאָן און ער פערשטעהט נעבאך ניט אַז ער לאַכט בלויז פון זיך אַליין, ער בעמערקט ניט ווי אונוויסענד ער מאַכט זיך מיט דעם, וואַרום? די אַלע גע־לעהרטע זיינען מודה אַז דער געדאַנק פון כשר פלייש איז זעהרהויך, און יעדער געלעהרנטער מענש ווערט סורפּרייזט, אַז אין אַ צייט פון פינסטערניס וואָס די וועלט האָט נאָך ווייניג געוואוסט פון מעדיצינישע וויסענשאַפט, האָבען שוין אידען אַלעס אַזוי געוואוסט, און ווי געוואוסט אַזוי פּינקטליך וואָס אין דער יעצטיגער צייט וואָס די חכמת הרפואה שטעהט אַזוי הויך איז מען נאָך ניט ערפאַהרען אין גאַנצען וויפיעל אידישע וויסענשאַפט האָט עררייכט. דער פעהלער בעשטעהט אַז יעדער וואָס לעזט נאָר אַ זשאַרגאָנישע ביכעל מיינט אַז ער איז אַ גאַנצער פילאָזאָף, און בפרט ווער עס הערט שוין אַ לעקטשור פון אַ סאָציאַליסט, דער איז שוין דאָך געוויס אַ חכם, און אַז מען בעזוכט אַ טהעאַטער, און מען הערט אַ סצענע ווי מען לאַכט פון אַלעס וואָס איז אידיש, מן הסתם איז דאָס ריכטיג, און עס געהט איהם גאָר ניט אַריין אין מוח אַז די אַלע זיינען די גרעסטע אויסוואורפען פון דער מענשהייט, און זיי פערדאַרבען די מענשהייט מיט אַלע איהרע גוטעס, וואָס דער מענש האָט געאַרבייט יאָהרען לאַנג זיי אויסצואַרבייטען ביי דעם מענשען. דער איד פערגעסט גאָר אַז די אַלע פעהיגקייטען וואָס ער האָט אין זיך, אין זיין גוטען מוח קומט דאָס פון זיין רעליגיאָן, וואָס האָט אויף איהם געווירקט, פון טויזענדער יאָהרען לאַנג, ווי מיר וועלען אי"ה ווייטער ריידען. דער איד קוקט אויפ'ן קריסט אַז ער איז מרחוק זיין רעליגיאָנס לעהרער, דער איד טהוט עס נאָך פיעל מעהרער און ווייזט אַרויס אַז חוצפּה איז נאָך ביין אידען מעהר ווי ביי אַ קריסטען דאָ, אָבער לאָמיר בעמערקען, טאַקע דער קריסט האַלט ניט פון זיינע פּריטשערס, דאָס איז וויל זיין רעליגיאָן גיט איהם גאָר ניט, אָבער ער רעספּעקטירט דאָך דעם דאָקטאָר מיט דעם אינספּעקטאָר, ווייל די צוויי פערהיטען זיין געזונד. אָבער ביי אונז אונזער רעליגיאָן איז אונזער היגיענע, און אונזער רעליגיאָן איז חכמת הרפואה, וואָס היט אונז אונזער געזונד, ווי אונזערע פעהיגקייטען. דער שוחט איז אונזער אינספּעקטאָר. אַלזאָ, דאַרף מען איהם שעצען אַלס זיין הויכע לעהרע, און פאַר די גאַנצע נוצען וואָס ער ברייננגט אונז, און דער איד וואָס טהוט דאָס ניט, איז ניט ווייל ער איז קלוג אָדער ערפאַהרען, ניין, ניין, דאָס איז נאָר ווייל ער איז אונוויסענד, און גראָב אין כאַראַקטער, און פערשטעהט ווי צו שעצען די חכמה.

יעצט וועלען מיר אי"ה אַרומריידען דעם צווייטען פאַל וואָס מיר האָבען

דאס אָנגערופען דער ווירקונג פון די כשרות. ביז יעצט האָבען מיר ערקלעהרט וואָס איז כשרות, און יעצט וועלען מיר ערקלעהרען דעם ווירקונג פון כשרות.

יג.

די ווירקונג פון כשרות צוטהיילט זיך אויף צוויי טהיילען:

א) די ווירקונג אויף'ן קערפער.

ב) די וירקונג אויף'ן גייסט: צו ערשט וועלען מיר ערקלעהרען וועגען דעם מענשענס קערפער ווי ער ווערט געשפייזט, און ווי ער ווערט גרויס: גלייך פון אָנפאַנג ווי דער מענש ווערט געבאָרען איז זיין קערפער קליין און לאַנגזאַם ווערט דעם מענשענס קערפער אויסגעוואַקסען גרויס. אייגענטליך פון וואַנענט ווערט דאס? דער ענטפער פון דעם איז אז עס קומט צו דעם מענשען די אַלע נייטיגקייט וואָס ער דאַרף פון די שפייז וואָס דער מענש עסט, און דורך דעם כח הצמיחה וואָס דער מענש האָט ביז צוואַנציג יאָהר, ווערט דער קערפער אַלץ גרעסער. אַלזאָ, איז פערשטענדליך אז דער מענש זאָל עסען גוטע עסען ווערט זיין קערפער ענטוויקעלט גוט און פיין, אָבער אין געגענטהייל אז דער מענש האָט קיינע גוטע נאַהרונג, וועט זיין קערפער קיין מאָהל ניט גוט ענט־וויקעלט ווערען. דארום זיינען די וואַגעטאַריאַנער קיין מאָהל ניט ענטוויקעלט אַזוי גוט ווי די פעלקער וואָס עסען פלייש און פיש, עס ווערט בעהויפּטעט אז אידען וואָס עסען כשר ווערען פריהער צייטיג פאַר די אַנדערע פעלקער. ווען די פאָלקאָמענהייט קומט ביי אַנדערע פעלקער צו די איין־און־צוואַנציגטע יאָהר קומט זי ביי דעם אידען צו פיערצעהן אָדער פופצעהן יאָהר. און נאָך דעם מיינונג פון חז"ל צו אכצעהן יאָהר. דאס איז אין די יונגע יאָהרען פון מענשען, ווי לאַנג דער מענש וואַקסט, אָבער ווען דער מענש פערלירט זיין כח הצמיחה און זיין קערפער איז שוין פאָלשטענדיג דאַמאָלסט מוז ער האָבען נאַהרונג, ווייל דער קערפער פערלירט יעדען טאָג פיעל פון זיינע קרעפטען, דורך די אַרבייט וואָס דער מענש אַרבייט, און אום צו דערפילען דעם חסרון מוז דער מענש עסען און טרינקען, און פון דעם עסען ווערט נייע בלוט דורך די מענש־ליכע אינערליכע מאַשינערי און גיט דעם מענשען נייע קרעפטען אז ער זאָל זיין שטאַרק ווי געוועזן, דאס איז אין די מיטעלע יאָהרען ווי לאַנג דעם מענ־שען'ס אינערליכע כלים זיינען גוט, און דער אַפּעטיט איז שטאַרק, קריגט דער מענש אָב זיינע קרעפטען צוריק, אָבער אין די עלטערע יאָהרען, ווען דעם מענשען'ס מאָגען איז שוין שוואַכער דאַן ווערט שוין דער קערפער אויך שוואַ־כער, ווייל ער בעקומט שוין ניט אַזוי פיעל נאַהרונג וויפיעל דעם מענשען'ס קערפער פערלירט.

אלזא, זעהען מיר דאך אז דער מענש מוז האבען שפייז צו ערפילען דעם חסרון פון יעדען טאג, דען קען מען פערשטעהן וואס פאר א ווירקונג די שפייז מאכט אויף'ן קערפער. אז דער שפייז איז א ריכטיגער געזונטער אהן א שום קראנקהייט, בעקומט דער קערפער זיינע ריכטיגע נאהרונג. אבער ווען דער מענש עסט פערשיעדענע קראנקע שפייז איז זעלבסטפערשטענדליך וואס עס קען זיך ענטוויקלען אין מענשען'ס קערפער. דער מענש קויפט אמאהל א פונט פלייש, און דיינקט זיך צו בעשאפען נייע קרעפטען, און ווען די פלייש איז א קראנקער, דאס הייסט פון א קראנקע בהמה, ווי מיר האבען אויבען דערמאהנט די זיעבציג קראנקהייטען איז דער מענש עלול צו בעקומען א פעהלער אין שטעל פון געזונדהייט. אום ברייטער צו פערשטעהן ווי די ווירקונג פון די שפייז איז אויף יעדען וועלען מיר עס פערשטעהן דורך א פראגע אונגעפעהר. מיר האבען אויבען פארגעשטעלט לונגען קראנקהייט און מאגען קראנקהייט, דאס איז א פערשטענדליכע זאך פאר יעדען, אבער וואס קען זיין דער פעהלער אונגעפעהר אז עס איז דא צוויי מאגענס, אדער א איבעריגע גאל, אדער אז עס פעהלט א אונה, די בהמה לעבט דאך און איז געזונד, פאר וואס זאל זי ניט זיין כשר? דער אנטווארט איז אבער אז אונזערע חז"ל האבען אבער אזוי פיעל געהאט ארויס אין מעדיצינישע וויסענשאפט, אז זיי האבען אזוי פיעל גע־וואוסט ווי די ווירקונג פון פערדייהונג איז, אויף אזוי פיעל אזוי האבען געזאגט צייכענס זיך אויסצוקלייבען נאך די האר נאך וועלכער אקס עס איז בעסער צו זיין יוז, אונגעפעהר א שווארצער אקס האט א בעסערען לעדער, א רויטער אקס האט בעסערע פלייש, א ווייסער אקס איז בעסער צו דער ארבייט, דאכט זיך אז אלע אקסען עסען גלייך און דאך האט יעדער זיין בעזונדערע נאטור. היינט לאמיר פערשטעהן ווי קומט דאס? דער ענטפער איז, אז די פערדייהונגס קראפט איז ניט ביי אלעמען גלייך, און דער קראפט וואס ארבייט ביי איינעם אזוי, ארבייט ביים צווייטען אנדערש. מיט דערמיט קענען מיר פערשטעהן אז די בהמה האט איבעריגע כלים אינערליך, אדער וויניגער ווערט עס אויס־געארבייט אנאנדער קראפט אין דעם פלייש, און פאר דעם מענשען איז דאס ניט געזונד, און אונזערע חז"ל דריקען זיך אויס כל יתר כנטול דמי, אז א איבעריגע גליעד איז גלייך ווי עס וואלט איהם פעהלען דער גליעד, און כאטש זי איז הייטע געזונד, פונדעסטוועגען זאגען אונזערע חז"ל אז טריפה אינה חיה: אז א טריפה לעבט ניט לאנג. און אזוי נעהמט דער רמב"ם אויך אן, און ער רופט אן די אלע בשם חליים, דאס הייסט קראנקהייט, און אזוי ווערט גע־בראכט אין ילקוט פ' שמיני: אמר רבי כמין גלגלות של אש הראה לו הקב"ה למשה מתחת כסא הכבוד שלו ואמר לו אם ניקב קרום של מח אפילו כל שהוא, ורבנן אמרין זאת החיה מטריפתה תאכלו ושאינה חיה מטריפתה לא תאכלו, דאס הייסט רבי האט געזאגט אזוי: גאט האט געוויזען צו משה רבינו א פייער־

דיגע קאָפּף און האָט איהם געזאָגט אויב עס איז געלעכערט געוואָרען די הייטעל פון מח אזוי ווי איך צייג דיר איז טריפה, און די רבנן זאָגען אז דער פסוק זאת החיה אשר תאכלו, מיינט אזוי, אזא קראַנקהייט וואָס ווערט צוריק געזונד די איז כשר, און די וואָס ווערט ניט געזונד מעהר די איז טריפה. פון די ווערטער קען מען דייטליך זעהן דעם מיינונג פון אונזערע חכמים וועגען דעם ענין פון בשר כשר אז דער הויפּט מיינונג איז נאָר פון די געזונדהייט וועגען. אַלזאָ, איז זעלבסטפערשטענדליך אַז עס ווירקט אויף'ן מענשען זעהר שלעכט אַזעלכע סאָרטען פלייש: דאָס איז די ווירקונג אויף'ן מענשען'ס קערפּער אַלס קערפּער־ליך, עס איז אָבער נאָך דאָ די גייסטליכע ווירקונג וואָס דער ענין פון כשרות ווירקט אויף'ן מענשען'ס גייסט.

יד.

אום דאָס צו ערקלעהרען וועלען מר ציטירען אַ מאמר חז״ל אין יומא ל״ט: תנא דבי רבי ישמעאל עבירה מטמטם את לבו של אדם שנאמר ולא תטמאו בהם ונטמתם בם אל תקרא ונטמתם אלא ונטמטם, דאָס הייסט אַ עבירה פערשטאָפּט דעם מענשען'ס האַרץ די ראיה איז עס שטעהט אין פּסוק צו ענדע פרשה שמיני ווי די תורה ענדיגט ריידען וועלכע חיות און בהמות מען מעג עסען און וועלכע ניט, זאָגט דער פּסוק ולא תטמאו בהם ונטמתם בם, אז מיר זאָלען זיך ניט פעראונרייניגען מיט די זאַכען וואָס איך האָב אייך פערבאָטען צו עסען אום איהר זאָלט זיין אומריין, האָט דאָך בעדאַרפט שטעהן דער לעצטער וואָרט ונטמאתם מיט אַ אלף נאָך'ן מם, און אז דער אלף פעהלט מאַכט דאָס ונטמטם און דער מיינונג איז אַז איהר זאָלט ניט פערשטאָפּט ווערען. אום דעם מאמר צו פערשטעהן וועלען מיר בריינגען די אידעע פון די חז״ל אין די סיסטעמע פון דעם מענשען'ס גייסט. דער מענש ווען ער הייבט אָן טראַכטען און ער ברויך אַ עצה, איז כליות יועצות, לב מבין מוח משכן החכמה, דער ערשטער געדאַנק געהט אַראָב אין די נירען, און זיי גיבען אַ עצה, די האַרץ פערשטעהט די זאַך ווי עס זאָל זיין יעדער זאַך פון די עצה, און נאָכהער קומט עס אַרויף אין מוח וואו עס איז דער פּלאַץ פון וואוינונג פון מענשען'ס חכמה. אַלזאָ, די האַרץ מוז זיין אַ גוטע, דאָס הייסט זי מוז האָבען איהרע ריכטיגע ריינע בלוט אום צו פערשטעהן יעדע זאַך, ווי איז אָבער אַז די האַרץ איז ניט ריכטיג דאָס הייסט איהרע בלוטען זיינען פערגיפטעטע, קען די האַרץ ניט פערשטעהן ריכטיג וואָס די נירען גיבען איהר אַ עצה, דאָס איז וואָס דער תנא דבי רבי ישמעאל זאָגט אונז אַז די עבירה, דאָס הייסט די עבירה פון עסען טריפות, נבילות, שקצים ורמשים פערשטאָפּען דעם מענשען'ס האַרץ און דער מענש קען ניט פערשטעהן קיין הויכע לעהרע.

איך מוז אייך מיינע ליעבע לעזער אויפמערקזאם מאכען אז דעם פאלל וואס מיר ריידען יעצט איז ניט געמיינט נאר ניט כשר פלייש אליין פערדארבען דעם מענשען'ס הארץ נור אויך אלע פערשיעדענע שקצים ורמשים וואס די תורה האט געזאגט אז מען טאר ניט עסען ווירקט דאס אויף'ן מענשען'ס גייסט, דאס מיינט מען די בלוט, כי הדם הוא הנפש, דען די בלוט איז דער רוהע פלאץ פאר'ן מענשען'ס נפש און אז דער בלוט איז פארדארבען און פארגרעבט איז דער גאנצער מענש פארגרעבט. איך מיין גראדע צו זאגען די יונגע חכמים וואס עסען הויסטערס, זיי דיינקען אז זיי זיינען ערפינדער וואס זיי האבען גליקליך געמאכט א וועלט מיט זייער ערפינדונג. איך וועל אייך אבער איבערצייגען ווי נאריש דאס איז. די הויסטערס איז דער זאמען פון פרעש, אויב איהר זייט אזעלכע חכמים האט איהר דאך מן הסתם געלעזען גאר די ערשטע ערפינדונג פון עלעקטריק, אז די ערשטע ערפינדונג פון עלעקטריק איז געווען דורך א פראש. א פראפעסאר וואס האט געפראקטיסט אטאנאמי האט צושניטען א פראש ווען ער איז געזעסען אויף דעם באלקאן און די זון האט געשיינט. ער האט אוועקגעלייגט דעם צושניטענעם פראש אויף'ן פענץ פון גאלערי און געזעסען און געקוקט. מיט אמאהל האט ער בעמערקט ווי די גליעדער פון פראש ציהט זיך צונויף פון די קראפט פון די זין האט ער אנגעפאנגען צו פארשען ביז ער האט אויסגעפונען אז דער פראש האט אין זיך א עלעקטריק קראפט, און פון די ווירקונג פון די שטראהלען פון די זון האט זיך די עלעקטרישע קראפט ערוועקט און צוזאמענצויגען די גליעדער פון פראש. דערפון קען מען פערשטעהן ווי גוט דאס ווירקט אויף'ן מענשען אזעלכע שפייז, א חוץ וואס דאקטוירים ערקלעהרען אז הויסטערס ערוועקט אפט א טיפוס קראנקהייט און עס איז ניט געזונד פאר'ן מענשען'ס קערפער, איז אויך ניט גוט פאר'ן מענשען'ס גייסט. זעהט ווי אונזערע חכמים האבען דאס געוואוסט שוין 15 הונדערט יאהר פריהער. זעהט וואס די גמרא זאגט אין ע"ז דף לא ע"ב.

טו.

כל השרצים יש להם ארס של נחש ממית של שרצים איני ממית, דאס הייסט אלע קליינע חיה'לעך און אלע אינזעקטען האבען אין זיך א גיפט, דער אונטערשיעד איז פון א שלאנג ביז די אנדערע שרצים אז דער גיפט פון א שלאנג איז אזוי שטארק אז עס טויט ווען ער בייסט און אין די איבעריגע שרצים איז ניט אזוי שטארק אז ער זאל טויטען. זעהען מיר דאך דייטליך אז אלע שרצים האבען אין זיך א גיפט, זאל זיין אז דער גיפט טויטעט טאקע ניט, אבער דאס איז דאך פערשטענדליך אז עס מאכט א שלעכטע ווירקונג אויף'ן

מענשען. צו דאס וועלען מיר ציטירען דעם נעקסטען מאמר און מיר וועלען עס דייטליך האָבען אַרויס. אמר לו שמואל לחייא בר רב בר אוריא תא ואימא לך מילתא מעליית דהוא אמר רב אבוך, הכי אמר אביך הני ארמאי זוקאני דהוו שתוא גילווא ולא מתו איידי דאכלי שקצים ורמשים חביל גופייהוא, דאס הייסט, שמואל האָט געזאָגט צו חייא דער זוהן פון רב, קום און איך וועל דיר זאָגען אַ גוטע זאַך וואָס דיין פאָטער האָט געזאָגט די אַראַמער וואָס זיינען געלעגען געשוואָלען ווייל זיי האָבען געטרונקען פון די וואַסער וואָס דער שלאַנג האָט אַריינגעלאָזען זיין גיפט אין זיי זיינען ניט געשטאָרבען איז ווייל זיי זיינען איינגעוואוינט מיט גיפט; און דאַרום האָבען זיי געקענט אַריבערטראָגען דעם ברענונג פון שלאַנגען גיפט.

איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכען אַז שמואל דער ווער עס האָט דאס געזאָגט איז געווען אַ דאקטאר, און ווי די גמרא שטעלט איהם פאָר איז גאָר אַזאַ גרויס געלעהרטער דאקטאר יעצט ניטאָ און אַז ער האָט געזאָגט זיין מיינונג אַז דאס פערדאַרבט דעם קערפער, קען מען פערשטעהן אַז די זאַך איז זעהר וויכטיג, און ערנסט.

מיר קענען אייך בעווייזען אַ פאַקט פון דעם ווירקונג פון כשרות אויף'ן גייסט. לעזט אַלע פסיכאָלאָגישע ווערק, וועט איהר געפינען ווי וווייט די עסען האָט צו זאָגען אויף'ן מענשען'ס גייסט און אויף זיין מוח וואָס דאָרטען איז דער רוהע פלאַץ פון חכמה. די פסיכאָלאָגען זאָגען אַז די בעסטע קעפ צום לערנען זיינען די אידישע און דאס איז נור ווייל זיי היטען זיך אָב פון עסען אַלע פאַסקודסטווא, שקצים ורמשים, און נבילות. און די זעלבע זאַך געפינען מיר אויך אין חז"ל, ילקוט שמעוני פ' שמיני: זאת החיה אשר תאכל, ר' שמעון בן יוחאי פתח עמד וימודד ארץ מדד הקב"ה את כל האומות ולא מצא אומה שהיא ראויה לקבל את התורה אלא ישראל, דאס הייסט צום אָנפאַנג דרש פון פסוק זאת החיה האָט ר' שמעון בן יוחאי געזאָגט אַ פאָררעדע, עמד וימודד ארץ, גאָט האָט געמאָסטען דעם פערשטאַנד פון אַלע פעלקער, וועלכע פאָלק עס קען מקבל זיין אַזאַ הויכע לעהרע און ער האָט ניט געפונען אַ חוץ אידען, ווייל אידען היטען אָב דעם געבאָט פון זאת החיה אשר תאכלו, אָט די וואָס די תורה האָט ערלויבט אָט דאס עסען זיי און קיין אַנדערע ניט, דערפאַר איז זייער פערשטאַנד העכער ווי אַלע נאַציאָנען.

טז.

נור יעצט קומט די פראַגע עס איז דאָך געווען בעפאָר מתן תורה, זיינען דאָך אַלע פעלקער געווען גלייך און אידען האָבען דאָך אויך געמעגט עסען נבילות וטריפות, שקצים ורמשים, טאָ ווי קומט אַז אידען האָבען געהאַט בע־

סערע קעפּ ווי אַלע? דער תירוץ איז אַז בעפאָר אידען האָבען נאָך מקבל געווען די תורה האָבען שוין אידען זיך אָבגעהיט פון די אַלע זאַכען ווייל זיי האָבען דאס געהאַט בקבלה פון די אָבות, און דאס געפינען מיר אין מסכתא בבא מציעה דף ס"א, מאי שני דכתיב המעלה אתכם מארץ מצרים, דאס הייסט וואָס שטעהט עפּעס דער לשון המעלה און ניט המוציא אַזוי ווי אומעטום שטעהט, כדתנא דבי רבי ישמעאל, אָמר הקב"ה אלמלי לא העלותי את ישראל ממצרים אלא בשביל שאין מטמאין בשרצים כשאר אומות העולם די, דאס הייסט, דער תנא דבי רבי ישמעאל האָט געענטפערט אַ תירוץ אַז דאס איז דער מיינונג פון המעלה, אַז גאָט האָט געזאָגט אַז איך וואָלט מעהר ניט געפונען די איינציגע מעלה ביי אידען וואָס זיי זיינען זיך ניט מטמא און עסען ניט קיין שקצים ורמשים, אַזוי ווי אַנדערע פעלקער, וואָלט דאס שוין גענוג אורזאַכע געווען זיי אַרויסצונעהמען פון מצרים. זעהען מיר דאָך אַז אידען האָבען שוין בעפאָר מתן תורה אויך ניט געגעסען קיין שקצים ורמשים, און צוליעב דעם האָבען זיי געהאַט בעסערע קעפּ און בעסערע גייסטיגע קרעפטען מקבל צו זיין די תורה. אַלזאָ, ליעבע ברידער און שוועסטער, ערוועקט אין אייך אייערע נאַציאָנאַלע געפיהלען מיט אייערע הויכע אידעאַלען וואָס איז אין אייך אויס־געאַרבייט געוואָרען פון טויזענדע יאָהרען, און האַלט זיך פעסט ביי אייער אַידיעס און ביי אייערע אידישע געפיהלען און שעהמט זיך טאַקע ניט מיט דעם. לאָמיר זעהן דער איד שטרעבט צו ציוויליזאַציאָן, ער וויל אימער מיט מאַכען מיט אַלע וואַכע פעלקער וואָס שטעהען אַן דער שפּיצע פון בילדונג און וויל זיין גלייך מיט זיי, און טאַקע דעריבער מאַכט זיך דער איד פאַר אַ אמת'ן אַמעריקאַנער אָדער פאַר אַ אמת'ן ענגלענדער, אָדער פאַר אַ אמת'ן פראַנצויז, אָדער אַ דייטש, אום צו ווייזען פאַר זיינע נאַכבאַרען אַז ער איז אויך אַזוי ציוויליזירט ווי זיי, אָבער דאָ איז דער טעות: דער איד דאַרף ניט שטעהן הינטען, ער דאַרף נור זיין אַן דער שפּיצע, און ערקלעהרען זיינע שכנים, אַז זיין ציווי־ליזאַציאָן איז פיעל העכער ווי זייערער. לאָמיר זעהן ברידער, וואָס מיינט דער וואָרט ציוויליזאַציאָן, דער מיינונג פון דעם וואָרט מיינט בילדונג און לעהרע זאַכען, בילדונג און אידעעס, בילדונג און מדות און פרייהייט, און אין די אַלע זאַכען זיינען מיר העכער פון אַלע פעלקער און פריהער פון אַלע נאַ־ציאָנען. די ערשטע רעפּובליק אין דער וועלט איז געווען אַ אידישע) (אין משה'ס צייטען) אין יהושע'ס צייטען, און אין די אַלע שופטים'ס צייטען. אין אַ פערלויף פון הונדערטע יאָהרען, האָבען אידען קיין מאָנאַרכיע געהאַט, נור פּרעזידענטען, און זיי האָבען רעגיערט די פאָלק און אויסגעהאָלפען איהר פון אַלע נויטען. און טאָמער האָבען אָנגעפאַנגען אידען וועלען אַ קעניג, ווייל זיי זיינען אָפט אונטערדריקט געוואָרען פון זייערע שונאים, האָט גאָט פאַר־איבעל געהאַט. די אַלע בעסטע געזעצע וועגען אַרבייטער וואָס די סאָציאַ־

ליסטישע פארטיי לאבט זיך מיט זיי געפינען מיר אין אונזער תורה. אונזער תורה גיט דעם ארעמען ארבייטער פיעל רעכטע. אונגעפעהר די גמרא זאגט: „פועל יכול לחזור בו אפילו בחצי היום,“ דאס הייסט דער ארעמער ארבייטער וואס ער מאכט זיין שטיקעל ברויט פון זיין שוויים און בלוט, אז ער האט זיך גענארט אין פרייז אדער ער בעקומט א בעסערען דשאב, מעג ער חרטה האבען אפילו אין מיטען דעם טאג פון זיין ארבייט, און געהן צום בעסערען ארבייט וואו עס בעצאהלט זיך איהם בעסער, און דער בעל־הבית קען איהם גאר ניט טהאן. אבער אין געגענטהייל ווען דער בעל־הבית בעקומט ביליגערע ארבייטער קען ער ניט חרטה האבען און ענטזאגען דעם ארבייטער און נעהמען יענעם, נור ער מוז איהם בעצאהלען נאך די ערשטע בעדינגונג. די ווידשעם מוז דער בעל־הבית אבצאהלען גלייך, למשל: א מענש וואס איז געדונגען אויף א טאג צו ענדע טאג מוז ער איהם אבצאהלען זיינע ווידשעס. דער וואס איז אויף'ן וואך גלייך ווי ער ענדיגט די וואך מוז ער איהם בע־צאהלען פיר זיין וואך ארבייט, און אז ניט איז ער עובר א לאו.

יז.

און די לאנד־פראגע אום עס זאל ניט איבערגעהן גאר די לאנד ביי די קאפיטאליסטען אין די הענד אין פערלויף פון יאהרען האט מען געמאכט אז ערד קען מען מעהר ניט קויפען ווי ביז יובל, און אויך אונטערדעסען ווען ער בעקומט געלד קען ער זיין לאנד אין מיטען דער צייט אויך אויסלייזען. און נאך פיעלע הויכע אידעאלען, וואס די לעצטע האבען געמאכט איז אלץ דא ביי אונז אין אונזער אלטער תורה. און בילדונג האבען מיר אימער געהאט אין יעדען דור העכערע געבילדעטע ווי אנדערע פעלקער. עס איז גאר ניט לאנג זינט די אלע ציוויליזירטע נאציאנען האבען אנגעהויבען פערשטעהן ווי נויטיג עס איז א דאקטאר וואס זאל איבערזעהן די געשלאכטע פליישען. אזא זאך וואס מיר האבען דאס שוין געוואוסט מיט טויזענדער יאהרען צוריק, און אז זיי האבען שוין ערפאהרען וויפיעל וויסען זיי; אז דער שוחט זאגט אז עס איז כשר קוקט דער דאקטאר ווייניג, ער לייגט נור ארויף זיין זיעגעל און גענוג, אבער ווען דער שוחט זאגט אז עס איז טריפה דאן קומט דער דאקטאר און זעהט נאך, און זאגט פיעל מאהל אז מען קען דאס נאך יוזען צום עסען. זעהען מיר דאך דערפון, אז אידישע כשרות שטעהט פיעל העכער ווי זייערע וויסענשאפט. אלזא האבען מיר גדארפט שטעהן אן דער שפיטצע ניט נאכ־שלעפען זיך נאך זיי, מיר דארפען בלויז ערקלעהרען אונזערע אידעעס צו אונזערע שכנים און זיי איבערצייגען אז מיר וויסען פיעל מעהר ווי זיי. אין די לענדער וואו מיר זיינען אונטערדריקט און מען לאזט אונז ניט ארויס־

ריידען אונזערע געפיהלען מוזען מיר שווייגען, אבער אין אזעלכע לענדער וואו עס איז פריי צו ריידען, ווארום שווייגט איהר, און איהר שלעפט זיך נור נאך נאך'ן גוי, ווי א פינפטער ראד צום וואגען? עפענט אייערע מיילער און זאגט צו אלע פעלקער: אויב איהר ווילט טאקע ציוויליזאציאן, קומט ביי אונז אין אלטען קלייזעל, און עפענט אונזערע אלטע ספרים וועט איהר אלעם געפינען. דער פעהלער בעשטעהט נאר אז דער איד וואס קומט פון גלות־לאנד האט פערלארען זיין מוטה, און זיין איך, און ווארט אויף טובות פון אנאנדערען, פיעלייכט וועט זיך געפינען א געלערנטער גוי, וואס וועט זאגען א גוטען מיינונג אויף אונזער לעהרע. פערליערט ניט דעם איך, און דערמאהנט זיך אן הלל'ס ,,אם אין אני לי מי לי," אויב איך ניט פאר זיך זעלבסט, ווער אלעם טהאן, ווער וועט דען טהאן פאר מיר? אלזא, פערליערט זיך ניט ברידער, היט דעם ,,אני לי..." ערוועקט אין אייך דעם אלטען געפיהל, וואס איז אין אייך פון טויזענדער יאהרען, און זאגט מיט שטאלץ צו אלע פעלקער: אויב איהר ווילט זוכען הויכע אידעעם קומט ביי אונז, אויב איהר ווילט לערנען היגיעני קומט ביי אונז, מיר ווייסען שוין פון לאנג און פיעל בעסער פאר אייך.

מיר וועלען זיך יעצט אומקעהרען צוריק צו דעם געדאנק אויפצוצייגען אז דער ווירקונג פון כשרות איז גרויס אויף'ן מענשען'ס גייסט. אונזערע חז"ל זאגען אונז, אז אידען ווערען אויסגעקליבען פון אנדערע נאציאנען מיט דריי סמנים: א) רחמנים; ב) ביישנים; ג) גומלי חסדים; דאס הייסט, אידען האבען אין זיך דריי מידות טובות וואס אנדערע פעלקער האבען עס ניט, דאס מיינט מען אז אנדערע פעלקער בעזיצען נור צו איין מידה, למשל: די יאפאנעזער זיינען רחמנים, די מידה פון רחמנות איז ביי זיי זעהר הויך און פון טויזענדער יאהרען האבען זיי געארבייט אויף דעם, נאך דעם פארשריפט פון זייער בודהא, אבער די מידה פון גומלי חסדים און פון ביישנית ווייסען זיי ניט. אנדערע פעלקער האבען אין זיך די מדה פון ביישנית אבער די מידות פון רחמנות און גומלי חסדים האבען זיי ניט. אנדערע האבען אין זיך די מידה פון גומלי חסדים, אבער פון ביישנית און רחמנות ווייסען זיי ניט, דער איד האט אין זיך די אלע דריי מדות צוזאמען, און די אייגענשאפט מוז א איד בעזיצען, און ווען איהם פעהלט איין מידה פון די דריי מידות זאגען אונז אונזערע חז"ל אז מען דארף נאכזוכען אויב זיין אבשטאמונג איז ניט פון אנדערע נאציאנען, למשל: אז מיר זעהען אז א איד איז א אכזר דארף מען חושש זיין פיעלייכט שטאמט ער אב פון די גבעונים וואס יהושע האט זיי געהאלטען פאר וואסער־טרעגער און האלץ־האקער. אז מיר זעהען אז ער האט קיין בושה ניט, דארף מען קלעהרען פיעלייכט איז ער א קנעכט, אדער א ממזר. אלזא, זעהען מיר אז דער ריכטיגער איד מוז האבען אלע דריי מידות ווי מיר האבען אויבען געזאגט. הייגט, ליבער לעזער, לאמיר קלעהרען פון

וואנען האט זיך צוזאמענגעקליבען אלע דריי גוטע מידות ביי די אידען? אום די פראגע צו פערשטעהן וועלען מיר ציטירען א ילקוט אין פרשה שמיני.

יח.

כל אמרת אלוה צרופה רב אמר לא נתנו מצות אלא לצרף בהן את הבריות. וכל כך למה מגן הוא לכל החוסים בו, דאס הייסט אויף דעם פסוק כל אמרת אלוה צרופה האט רב אזוי געזאגט: דעם ביאור, אז די מצות זיינען ניט געגעבען געווארען אום דעם בענעפיט פון גאט, נור אום דעם בענעפיט פון מענשען, אום צו לייטערען דעם מענשען, און ווארום האט דאס דער ליעבער גאט געטהאן ווייל ער וויל זיין דער בעשיצער פון די אלע וואס פערזיכערען זיך אין איהם. מיר מוזען אויפמערקזאם מאכען דעם לעזער אז דער מאמר ווערט געבראכט אין פ׳ שמיני, דארט וואו עס רעדט זיך פון וועלכע בהמות און חיות דער איד מעג עסען, און וועלכע ניט, און אויף דערויף זאגט רב דעם מאמר אז דער גאנצער אנזאג פון די אלע זאכען איז אום צו לייטערן דעם מענשען. זעהען מיר דאך דייטליך דעם מיינונג פון די חז״ל פון דעם ווירקונג פון כשרות אויף׳ן מענשען׳ס גייסט, ווארום מידות הייסט דאך גייסטליכע זאכען ניט קערפערליך, און אונזערע חכמים זאגען אונז אפען אז די כשרות וואקסט אויף׳ן מענשען׳ס גייסט איהם צו מאכען גוט. אלזא, ווייל אידען היטען כשרות דערפון האט זיך ביי אידען גענומען די דריי גוטע מידות.

חתימת הספר.

אום צו ענדיגען דעם ספר מיט א גוטע זאך ווי דער אידישער מנהג איז, וועלען מיר ענדיגען מיט די פסוקים וואס דער נביא מלאכי ענדיגט זיין ספר: ״הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפנא בא יום ה׳ הגדול והנורא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, דאס הייסט גאט זאגט, אז איך וועל שיקען צו אייך אליהו הנביא בעפאר עס וועט קומען גאטעס טאג דער גרויסער און דער פארכטיגער און ער וועט ווידער בעקעהרען די הארץ פון די פאטערס אויף די קינדער, און די הארץ פון די קינדער אויף די פאטערס. לאמיר זעהן דיעזע טרויעריגע צייט, אין אמעריקא דעם פיהרונג פון א פאטער מיט קינ־דער. אז דער פאטער איז א ארטהאדאקס און דער זוהן איז א רעפארמער, און מאנכע פאטערס זיינען רעפארמער און די זיהן זיינען ארטהאדאקסען, דער פאטער האט אהארץ אויף׳ן זוהן ווארים ער פיהרט זיך ניט ווי ער נאך זיינע אידעעס, דער זוהן האט א הארץ אויף׳ן פאטער פאר וואס ער פיהרט זיך ניט נאך זיינע אידעעס און די גאנצע פאמיליע איז דעריבער צוריסען, און איינער קוקט קרום אויף׳ן צווייטען. זאגט דער נביא, אז ער וועט איבערצייגען די ריכטיגע וועג און די שנאה פון טאטען אויף׳ן קינד, און פון קינד אויף׳ן טאטען, וועט אראב און עס וועט פערשווינדען, עס וועט נור זיין איין וועג פאר אלע אידען, און קיין פיעלע וועגען.

גאט זאל געבען אז מיר זאלען דאס דערלעבען ב״ב אמן.